# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

# בירנבוים־העפט

## תוכן:


ד"ר שלמה בירנבוים: לאמיר זיך צוגרייטן
יהודא לייב אָרלעאַן: חושים פאַר רוחניות
הרב טובי' האראָוויץ: דער פאַלק־באַראַמעטער
אליעזר שינדלער: דער עליה־וועג פון נתן בירנבוים
י. ל. געררשט: נתן בירנבוים און זיינע „פרייע" קריטיקער
הרב מ. י. גוטמאַן: נתן בירנבוים רעט צו אונדז
רבי ישראל סאלאנטער: מוסר־ווערטער
מאיר שוואַרצמאַן: נתן בירנבוים און זיינע תלמידים
שמואל פּליסקין: דאָס וואונדער פון יענים דור
אַלטער שנור: גיקליבינע פּערל
אלימלך שטייער: ...און ער איז צו אונדז גיקומען
ד"ר יצחק ברויער: דער נייער כוזרי
יצחק לעווין: אַ חילול יום־כיפור אין אַלטן פוילן
ישראל עמיאָט: ס־שטעטל וואָרט...*
א. שינדלער: עולים גיזאַנג


הארכיון היהודי

## בנות־בלעטער


* * *: די ראָל פון דער פרוי אין אגודת־ישראל
שרה שענירער: דורך שלום צו ישועה
א. ר.: די מאַמע איז נפטר גיוואָרן
א. מ. ראגאווי: מצוה גוררת מצוה
א. ג. פרידנזאָן: דריי טעג מיט אונדזערע פירער


ברכה צוקער: בריוו צו אַ חברטע. ארטאדאקסישע פרויען־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. — שבועות אין דער לאָדזשער בנות־מחנה. — פון שוועסטער צו שוועסטער (בריוו, עצות, אָנווייזן און ענטפערס) — עקזעקוטיוו־זיצונגען פון בנות־אגודת־ישראל אין לאָדזש. — ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, ידיעות, מודעות און בילדער.

לאָדזש, תמוז תרצ"ד.

# צו אַלע אגודיסטישע ארגאַניזאַציעס אין פּוילן

## זונטיק ד׳ תמוז — בירנבוים־פייערונגין אין יעדן אָרט

די יידישע וועלט האט אויפגענומען מיט פרייד און התלהבות די ידיעה, אַז נתן בירנבוים האָט ב״ה דערלעבט זיין זיבּיציקסט לעבנס־יאָר. אַלע וועלכע קענען אַצינד, אדער האבן אַמאָל גיהאַט וועלכעס ס־איז שייכות מיט נתן בירנבוים, פאַר זיי זענען דערוועקט גיוואָרן פאַרשידענע זכרונות און גידאַנקען וועגן דעם גרויסן יידישן פירער און זיינע אויפטוּן פאַרן יידישן פאָלק.

מיר, אגודיסטן פון אַלע אָפּטיילן פילן זיך שוין אַ ריי פון יאָרן נאָענט און באַהעפט מיט שטאַרקע פעדים צום בעל־היובל. נתן בירנבוים צווישן אונדז ברענגט התחזקות און אויסדויער. ער איז אונדזער פירער און חבר אין איינעם.

נתן בירנבוים וועקט אונדז, שטראָפט אונדז, לאזט אונדז נישט רוען און רופט אונדז עולה צו זיין, אַרויפצושטייגן אין אונדזער דעת, אָנצונעמען זיך מיט רחמים־גיפילן און איבער אַלץ זאָל שיינען דאָס יידישע תפארת.

אינים אגודיסטישען לעבען ברענגט אריין בירנבוים דאָס שטאַרקע פייערדיקע וואָרט, וואָס גליט אָן אונדזער אידעאַל. ער פאַרטיפט אונדזער דענקען, ער באַלערנט אונדזער טון און עפנט די אויגן פון דער יוגנט צו קוקן אויף וועלט און לעבן מיט גיזונטע יידישע בּליקן...

זונטיק ד׳ תמוז דאַרף אין יעדן אָרט, וואו נאר ס־איז פאַראַן אַן־אגודיסטישע ארגאַניזאַציע, אגודת ישראל, צעירים, פּועלים, בנות, אומעטום דאַרפען זיין ספּעציעלע בירנבוים אָוונטן און ס־זאָל גירעדט ווערן וועגן דעם לעבן, ווערק און שאַפן פון נתן בירנבוים.

אויך אין ארטאָדאָקסישע שולן דאַרף אין דעם טאָג גירעדט ווערן פאַר די קינדער וועגן דער פּערזענלעכקייט פון נתן בירנבוים און זיינע גראַנדיעזע אויפטוּן.

דער עיקר דאַרפן די אָוונטן אויפקלערן די שיטה פון נתן בירנבוים און באַקענען דעם ברייטן עולם מיט זיינע רעיונות, וואָס פון זייער פאַרווירקלעכן, גיווינט זיך אַ סך ביים אויפשטייג פון ג—טס פאָלק.

זאָל השי״ת העלפן מיר זאָלן צוזאַמען מיט אונדזער פירער נתן בירנבוים זוכה זיין צו זעען די גאולה שלימה במהרה.

לאָדזש, סיון תרצ״ד.

**צענטראַלער יובל־קאָמיטעט**

ארכיון אסופות

אין יעדן אָרט וואו ס׳וועלן פאַרקומען אָוונטן בעטן מיר צוצושיקן באַריכטן!

---

## מאַטעריאַל פאַר די בירנבוים־פייערלעכקייטן זונטיק ד׳ תמוז

### לידער

| | |
|---|---|
| תשובה — — — — — | ב״י זשורנאַל נומער 74 |
| אין די טעג פון משיח — — — | 〃 〃 〃 81 |
| גרויס־שטאָט — — — — | 〃 〃 〃 87-88 |
| ריין ווי פּערל — — — — | 〃 〃 〃 94-95 |
| אונדזערע גיצעלטן — — — — | 〃 〃 〃 98-99 |
| פון שטאָט — — — — | 〃 〃 〃 100 |
| אונדזערע זינד — — — — | 〃 〃 〃 73 |
| ערד — — — — | 〃 〃 〃 59 |

### וועגן זיין פּערזענלעכקייט און שיטה

- ד״ר נ. בירנבוים און זיין שיטה — — — ב״י אַלמאַנאַך
- דער וועג פון עולים — שלמה בירנבוים — — ב״י זשורנאַל נום. 70

פון יובילעאום־בוך לכבוד זיין זיבּציקסטן גיבוירן־טאָג, קאָן מען נעמען אַ סך מאַטעריאַל.

### פראַגמענטן פון זיינע מאמרים

| | |
|---|---|
| א) דעת, רחמים, תפארת — — — | ב״י זשורנאַל נום. 58 |
| ב) אַפאָריזמען — — — | 〃 〃 〃 53 |
| ג) 〃 — — — | 〃 〃 〃 67-68 |
| ד) שבת — — — | 〃 〃 〃 34 |
| ה) בירנבוים וועגן דער יידישער פרוי און יידישקייט | 〃 9 |
| ו) ישראלס התחייבות | 〃 〃 〃 50 |

---

## כתבים פון נתן בירנבוים

„אין גלות ביי יידן״, „ג—טס פאָלק״, „פון אַן־אפּיקורס גיוואָרן אַ מאמין״, „פנו דרך״ א. א.

---

# פון פאַרלאַג „בית יעקב״

## וועגן דריטן באַנד „יידיש לשון״

הארכיון היהודי

דאָס דריטע באַנד „יידיש לשון״ האט פאַרפעלט און ס׳וועט אביסל דויערן ביז ס׳וועט אַרויסגיין אַ נייע אויסגאַבע פון דריטן חלק „יידיש לשון״. דאָס בוך ווערט פון דאָס ניי גיזעצט און אויסגיבעסערט ליטעראַריש און פּעדאַגאָגיש, אַזוי, אַז ס׳וועט זיין פאַרבעסערט און אַ סך שלימותדיקער ווי די ערשטע אויסגאַבע. עס וועלן אויך אַריינגינומען אַ סך נייע ליטעראַרישע שאַפונגען.

## „דאָס יידישע יאָר״

עס גרייט זיך שוין אין דרוק אַ ניי לייען־בוך „דאָס יידישע יאָר״ וואָס האט זיין ספּעציעל פאַר דערוואַקסענער שול־יוגנט. אינים בוך וועלן אַריינקומען מאמרים, ליטעראַרישע שאַפונגען, ווי לידער, נאָוועלן, דערציילונגען און סקיצן, גאָר באַזונדער מאַטעריאַלן, וואָס נעמען אַרום דאָס יידישע לעבן פון יאָר ווי, ימים־טובים יומא דפגראס אא״וו. דאָס בוך וועט אויך זיין רייך אילוסטרירט.

עפ״י טעות איז גיווען גימאָלדן אין די פריערדיקע נומערן, אַז דאָס בוך וועט האָבן דעם נאָמען „די יידישע וועלט״.

# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

| עלפטער יאָרגאַנג | נומער 116 | סיון–תמוז תרצ"ד | ב"ה לאָדזש־וואַרשע־קראָקע |
|---|---|---|---|

ארכיון אסופות



## ד"ר נתן בירנבוים

צו זיין זיבעציקסטן יובל

**תרכ"ד — תרצ"ד**


הודפס מתוך הארכיון היהודי

געבענטשטע פעלדער און לאנקעס, וועלדער און טייכן. יידן מוזן זיך אומקערן צום אקער־אייזן, יידן מוזן ווערן ערד־אַרבעטאָרערס, אומעטום וואו יידן וואוינען זענען פאַראַן מעגלעכקייטן צו געזונטערע און ריינערע פרנסות. מוז מען זען ביי יידן צו פאַרשאַרפן דאָס שטרעבן צו ערד־אַרבעט און מלאכות, בפרט דאַרף דער יונגער דור דערוואַקסן ווערן פונעם עולם המסחר, מיט אַלע זיינע מיאוסע אומיושרדיקע געגנג.

כּדי דאָס יידישע פאָלק זאָל נישט נאָך טיפער איינזינקען אין געמוזעכץ פון אַפּיקורסות און הפקירות דאַרף געשאַפן ווערן אַ שטרענגע רבנישע הנהלה וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם מוח אין די האַנט פון אַ באַנייטער „כּנסת ישראל". די כּנסת ישראל וועט זיך געכער קענען ווערן קיין אונדזערע אויסגעוויינקסטע און איבערווייניקסטע שונאים, אַ שטאַרקע פעסט אויפגעבויטע און שטרענג דיסציפּלינירטע כּנסת ישראל וועט זיכער קענען גובר זיין די נסיונות פון דער ה׳ לט. דאָס פאָלק וועט זיך געכער קענען אַרויסראַטעווען פונעם „גלות ביי יידן" זיך קענען, מציל זיין פון זיינע מכּלומרשטע מנהיגים און פאַרזאָרגער וואָס ירמיהו הנביא האָט וועגן זיי געזאָגט: „הוי רועים מאבדים ומפיצים את צאן מרעיתי" ווי איז צו די פּאַסטעכער וואָס מאַכן אַ תל און צושפּרייטן די שאָף פון מיין פּאַשע...

ס-מוזן אויפבליען נייע כּוחות אין ארץ ישראל, ס-מוז פאַרשטאַרקט ווערן דער דאָרטיקער ישוב מיט תורה געטריי-יידן, ס-מוזן דאָרט באַשאַפן ווערן בתי חינוך און גייסט פון ישראל סבא, ירושלים טאָר נישט ווערן אַ נאָכמאַכעניש פון די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע בבלס. אַזוי האָט ד״ר נתן בירנבוים געוואָרנט נאָך מיט פופצן יאָר צוריק, נאָר איידער מיר האָבן געזען די „גליקן" פון תל אביב, די „קולטור מעשים" פון די „נייע העברעער"... נאָך איידער ס״איז געקומען די „בשורה פון תל אביב", אַז „די רעליגיע אין ארץ ישראל דאַרף ווערן צו קעמפן קעגן רעליגיע".

מיט באַהאַרצטקייט און גוט דורכגעטראַכטע אַטאַקעס מוז געשטורעמט ווערן די אַפּיקורסישע מחנות. מע מוז זען פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען אונדזערע שוועסטער און ברידער. שוין צייט, אַז מיר זאָלן זיך דערמאָנען אַז כּל המקיים נפש אחת מישראל, איז גלייך ווי מען וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. ר׳ ישראל בעש״ט ז״ל האָט געזאָגט כּל־זמן דאָס אבר איז באַהעפט צום גוף איז נאָך דאָ אַ האָפענונג דאָס אבר זאָל געזונט ווערן, צייט זיך צו דערמאָנען אָן די „נדחי ישראל" אָן די רחוקים, די דערווייטערטע טיילן צונים יידישן פאָלק.

ס״מוז געשאַפן ווערן אַ צענטראַל-אינסטיטוט פאַר מחזק זיין די יידישע אמונה צווישן אַלע פאַרגרעבטע, פאַרפרעמטע און דערווייטערטע יידן. דער צענטראַל-אינסטיטוט וועט מוזן זען צו פאַרשפּרייטן דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק איף דער גאַרער וועלט, אומעטום וואו יידן וואוינען, צי זענען דאָס די פאַלאַשיס, דאָרט צווישן די הרי חושך אין קאַבידיקן אַבעסיניע צי די אנוסים אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, צי די גרים אין רוסלאַנד צי די פאַרוואָגלטע יידן אין אַלטן ארץ הסינים אין לאַנד כינע.

נתן בירנבוים הייסט שאַפן אַרטיקע אינסטיטוציעס פאַר רעליגיעזער קולטור־פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידישע אַפּיקורסים און אַסימילאַנטן.

און דער עיקר טאָטע דאָס וואָס קען ברענגען דעם אמתן תיקון, צו ווייזן דער יידישער וועלט אַ לעבעדיק מוסטער. ס-מוז באַשאַפן ווערן אַ ראיה אַ מופת אויף דער כּנסת ישראל, אַ מחנה יידן וואָס זאָלן אַזוי לעבן און אַזוי זיך איינאָרדענען ווי די כּנסת ישראל וואָלט געדאַרפט לעבן און געדאַרפט זיין איינגעאָרדנט, אַ מחנה, אַ כּנסיה פון מחנות וועלכער וואַקסט אַזוי לאַנג ביז ס״וועט נישט זיין קיין חילוק צווישן איר און דער כּנסת ישראל. מ-מוזן באַשאַפן ווערן עולים-אגודות וואָס דורך זייערע מעשים און זייער לעבן זאָלן זיי ווייזן דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס דער נביא האָט געמיינט מיט זיין אויסגעשריי „הכּון לקראת אלוקיך ישראל" גרייט דיך דיין באַשעפער אַנטקעגן, יידיש פאָלק!

אין זיין „דברי העולים" זאָגט נתן בירנבוים: און נישט מיט אונדזערע ווערטער אַליין קומען מיר צו אונדזערע ברידער און שוועסטער נאָר אויך מיט אונדזער לעבן, מיט אונדזערע מעשים, און זייער לעבן און זייערע מעשים פאָדערן מיר פון זיי. און שטאַרק איז אונדזער בטחון, אַז זיי וועלן קומען צו אונדז וואָס אַמאָל מער און מער. ביז די גאַנצע כּנסת ישראל וועט זיין איין איינציקע אגודה פון נאמנים לתורה, פון יידן וואָס שטרעבן צו יושר און קדושה.

פון יידן וואָס זענען אָנגעפולט מיט דעם שטאַרקן רצון צו צוגרייטן דאָס יידישע פאָלק צו דער הייליקער מטרה פון באַחרית הימים, אויפצובויען עולים כּנסיות וואָס זאָלן אַרבעטן — ווייט פון פּאָליטיק. ווייט פון די וועלט מהומות, ווייט פון דער מהומה בתענוגים, ווייט פון דער מהומה במשא ומתן, ווייט פון מהומה אין השׂכּלה זאַכן — און בקדושה וטהרה אַרבעטן לטובת דער גאולה פון ישראל. אויפבויען אין דער מדבּר פון דער הייינטיקער צייט אַ משכּן לאל עליון, וואו ס״זאָל לייכטן די גאָלדענע מנורה און איר גאַנצער שיינקייט, מיטהעלפן אויפשטעלן אַ מרכּז-התשובה פון וואַנעט יידן פון דער גאַרער וועלט זאָלן קענען שעפּן כּוח מלחמה צו האַלטן קעגן דער הײדישער סביבה. מיטצוהעלפן אויפבויען אַ היכל של משיח, אַ יידישע פעסטונג, אַז אַלע אומות העולם זאָלן אויסרופן מיט התלהבות ווי זייער פּריער האָט דאָס אַמאָל געטון. כּי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו. פון די פעלדזן־שפּיצן זע איך זיי פון בערג באַטראַכט איך זיי הן עם לבדד ישכּון ובגוים לא יתחשב, זע דאָס פאָלק ישראל רוט פאַר זיך אין גלאַנץ פון דער שכינה און מישט זיך נישט צונויף מיט די הײדן לאָזט זיך נישט איינשלינגען פון דעם גויאישן תהום, כּי מראש צורים אראנו, אני מסתכּל בראשיתם, איך זע זייער אָנהייב זייער יסוד ובתחילת שרשיהם אין דעם אָנהייב פון זייער שורש ואני רואה אותם מיוסדים וחזקים כּצורים וכגבעות הללו און איך זע זיי פעסט פונדאַמענטירט און שטאַרק ווי די פעלדזן און בערג. [רש״י ז״ל] אַז די גאַנצע וועלט זאָל מודה זיין: לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל. נישטאָ קיין עוולות קיין זינד צווישן יידן, השם אלוקיו עמו ותרועת מלך בו. דער באַשעפער זיין גאָט איז מיט ישראל און די תרועה פון זיין מלך איז ביי אים.

ארכיון אסופות

עולים ווילן צוזאַמען גיין מיט אגודת-ישראל מיט אַלע יראי ה׳.

עולים ווילן אַרבעטן, ווילן בויען, מיט אמונה און בטחון, מיט התלהבות און קדושה, מיט דעת רחמים און תפארת.

# עולים-געזאַנג

לאָמיר לערנען אונדזער פאָלק
די וועגן פון דער תורה,
מיט דעת, רחמים און תפארת
דינען אונדזער בורא.

צו דעת, רחמים און תפארת,
עולים, לאָמיר שטרעבן
און מיט ריינקייט און קדושה
בויען יידיש לעבן...

וועט דאָס פייער פונים סנה
צווישן יידן ברענען,
וועלן אַלע מענטשן זען
און אַלע גאָט דערקענען.

וועט אַ סוף צום גלות זיין,
צו דער לאַנגער נאַכט,
קומען וועט דער גרויסער טאָג,
מיט שיינקייט און מיט פּראַכט.

# גיקליבינע פערל

גיזאמלט פון
א. שנור
(נאכדרוק פארבאטן)

## תורה־ווערטער, גידאנקען און אפאריזמען
## דעם גרויסן ייד און מענטש ד"ר נתן בירנבוים
## צו זיין זיביציקסטן יובל.

### דעת

א'

ווי א בליץ וואס באלייכט אין א סעקונדע אלע ווינקעלעך, אזוי אויכעט קומט דעת מיט אמאל, אפט גאר אומגיריכט, און אנטפלעקט אין זיין גאנצע אפגבארקייט דעם מהות פון בורא.
(בעש"ט)

ב'

אהבה מיט דעת, מוזן הארמאנירן. ביי דעת־מענטשן איז אייביק דא אהבה. נאר ווען מ־איז אן דעת ־איז פאראן פלאץ פאר שנאה.
(רבי נחמן בראצלאווער)

ג'

גרעסטער יחוס איז — דעת. נאנטסטער קרוב — אהבה.
(הפניני)

ד'

יעדע זאך, אויב ס־פארמערט זיך, איז עט ביליקער. דעת — טייערער.
(צמח צדיק)

ה'

הרהורי עבירה קשין מעבירה:
דערפאר ווייל צו די עבירה, באנוצן־זיי ס־שענצטע און איידלסטע — דעת.
(ספרי מוסר)

ו'

בכל „דרכיך" דעהו
אויב האסט שוין דרכים, אויסגיטרעטינע און אויסגיגליטשטע וועגן, זע־זשע אז זיי זאל אויך זיין פון דיין דעת.
(התניא)

ז'

כי יודע ה' — דרך צדיקים
דער דרך צדיקים איז נאר צו זיין א יודע ה'.
(דער בעלדזער ז"ל)

ח'

וידעת — דיין דעת זאל זיין — כי ד' הוא האלקים — אז ג־ט איז א ג־ט. אין עוד — מיין דארף א ייר נישט ווייסן.
(דער „יוד" הקדוש)

### רחמים

א'

דרך ארץ קדמה לתורה
דרך ארץ איז אן־הקדמה צו די תורה
(דער קאצקער)

ב'

ואנשי קדש תהיו לי
מענטשלעך היייליק, זאלט איר מיר זיין.
(ה. ז.)

ג'

דער מענטש, וואס קאן נישט אויסנאגן די אייטערנדיקע גישווירלעך פון יידישע קינדער, דער ווייס נישט וואס מע מיינט אהבת ישראל.
(רבי ר' משה לייב)

ד'

והוי דן את כל האדם לכף זכות, באטרעפט די זעלבע צאל ווי שמע ישראל ה' אלקינו, ה' אחד.
איינס הארמאנירט מיטן צווייטן.
(דער קאליווער זצ"ל)

ה'

ואהבת לרעך כמוך—אני ה'
אויב צוויי מענטשן האבן זיך ליב, איז צוויי מאל אהבה וואס באטרעפט די צאל פון שם הוי'.
(רבי חיים וויטאל)

ו'

אנו מלאי עון—ואתה מלא רחמים.
באשעפער!
מיר זענען פול מיט עהנות און וויפל מישטיינס גיזאגט קען שוין אין אזעלכע מענטשעלעך אריין. דו ביסט מלא רחמים און ביי אזא אין־סוף איז דאך דיין רחמים אויכעט אין־סופיק.
(דער בארדיטשעווער)

ז'

ויִרא את ענינו—זו פרישת דרך ארץ
אונדזער ארימקייט באשטייט אין דעם, וואס מ־האט פורש גיווען דרך ארץ, מענטשלעכקייט פון די תורה. מע קאן זיין א שיינער בן־תורה און נישט זיין קיין פריינטלעכער מענטש. דאס איז נעבעך אונדזער ארימקייט.
(רבי משה מקאזשניץ)

ח'

שלום רב לאוהבי תורתיך.
ס־וואלט — רבש"ע — גיוועז א סך שלום צווישן דיינע תורה־גיטריייע, נאר ואין למו — דאס וואס זיי האבן נעבעך נישט קיין פרנסה, מכשול — אין די איינציקע שטערונג.
(אבן עזרא)

ט'

אין עשרת הדברות איז דא תרי"ג אותיות, א קייגן די תרי"ג מצוות א חוץ די לעצטע זיבן, וואס זענען אין די ווערטער „אשר לרעך". ווייל די לעצטע ווערטער, די באציאונג צו חברים איז דער כלל, אויף וועלכן ס־שטייען די אלע תרי"ג מצוות.
(של"ה הקדוש)

י'

הוא הי' אומר:
מע דארף אוועקלייגן אלע מצוות און זען ס־זאל נישט זיין קיין פירוד־לבבות צווישן יידן, א ייד איז אן־אות פון דער תורה, און אן־אות פאר זיך, באטייט גארנישט.
(רבי ר' פנחסל קאריצער)

י"א

כל ישראל „ערבים" זה לזה
יידן דארפן פארזיסן איינער דעם צווייטן.
(ישמח משה)

י"ב

גידענק, ווען איינער בייגט זיך אונטער א משא, קאן איר אפילו איינער אויפהייבן. ווען ער פאלט אבער, קאנען אים אפילו דריי קוים אויפהייבן.
(רבי מנחם דו לונזאנו)

י"ג

אין גיבוירן־טאג פון א פריינט, איז דער מנהג אויסצודריקן פריינטשאפט דורך מתנות, א סימן דערצו: אני היום ילדתיך, שאל ממני ואתנה (תילים ב').
(ר' יחיאל מקאזשניץ)

י"ד

ואהבת לרעך כמוך
ליב דעם וואס טוט דיר שלעכטס (פון לשון רעה) כמוך—ווי וואלסט דורך אן־אומפארזיכטיקייט אליין דיר עפ"ס גיטון, וואס דיין זעלבסט־ליבע, וואלט דערפון נישט גיליטן.
(רבי משה חאגיז)

### תפארת

א'

כל שהיא תפארת לעושי' (אבות)
יעדער אפצווייג פון תפארת דארף מען מעלה זיין לעשי', צום באשעפער, ווייל אלץ שטאמט דאך פון אים. שיינקייט פון זיין תפארת.
ותפארת לו — דער וואס נעמט תפארת צו זיך, צום נידריקן איז א סימן — מן האדם — ס־איז פון חטא אדם* הראשון.
(רבי ר' ברוכל)

ב'

כל ת"ח שאין „בו" דעה
יעדער ת"ח וואס אין „אים" אין זיין פנימיות, איז נישט פאראן קיין דיעה ס־איז נישט תוכו כברו. — נבילה טובה הימנו.
(דער ריזשינער)

ג'

והי' עקב — תשמעון את המשפטים האלה.
מענטשן אין דיין יעדן שריט (עקב) אין דיין יעדן טריט קאנסטו דערהערן און פארשטיין פון יעדן שריט און טריט — את המשפטים האלה.
(יירי לצדיק)

ד'

הנמצא כזה איש, אשר רוח אלקים בו
יוסף מסלסל בשערו היה (חז"ל).
פרעה האט גיזען ווי יוסף קעמט זיך אזוי די לאקן, ער האט גימיינט אז א חסיד דארף זיך אין גאנצן פורש זיין, פארנאכלעסיקן אלע עניני עולם הזה, האט ער זיך טאקי פארוואונדערט:
הנמצא קאן מען טרעפן — כזה איש, ווי אזא מענטש מיט אזא נקיות און עסטעטיק און דאך—רוח אלקים בו!
(רבי ר' בונם)

ה'

אז א מענטש מאכט א פנים, פאר אזא פנום וואס האט נישט קיין פנים, הייסט עס: עבודה זרה.
(דער קאצקער)

ו'

יפה את—כתרצה
קאנסט זיין שיין, ווען דו ווילסט נאר דיין רצון איז שוין שיין.
(דער זבאראווער)

ז'

יפת עינים וטוב רואי
א שיינים בליק און ס־האט הארמאנירט מיט זיין אבסטראקטן חוש הראות—טוב גוטסקייט.
(אברבנאל)

ח'

אוירא דארץ ישראל — מחכים, ווייל ס־שטייט ארץ אשר עיני ד' אלקיך בה און אין אויג—ליגט חכמה.
(רבי נחמן בראצלאווער)

י"א

א תלמיד חכם מוז האבן שיינע לבושים, אפילו השי"ת ווען ער זיך באווייזן פאר די וועלט איז ער זיך מתלבש מיט א סך לבושים, אלע ניסים זענען — לבושים, דורך וועלכע מע קאן דערקענען ג—ט. א לבוש איז א פרוכת אויף די נשמה, וואו ס־ליגט א ספר תורה:—הארץ.
(ד. ז.)

## וואס האסטו שוין גיטון אויף צו פארשפרייטן דאס „בית־יעקב" זשורנאל?



הודפס מתוך הארכיון היהודי

חרטה נישט. פאַרשטייט זיך, ס-איז נישט אַזוי לייכט זיך אַדורכצושטופּן, און אין זיינע בחורשאַפט-יאָרן האָט ער אויך גיהאַט פאַרשידינע מכשולים און קאַמפן, וואָס זענען עלול גיווען, אַנ־אויסלאַדונג פון שטאַרקן ווילן, אים אַוועק-צושלעפּן פון גישעפט און אָפּצואווענדן זיינע פעאיקייטן פון מסחר—פון וועלכן ס־איז אַלץ אַזוי אָפּהענגיק. — און פריינטלעך, אויפמונטערנדיק האָט ער דער-ביי גיקוקט אויף זיין זון.

אַלפרעד: דו אויך?

טאַטע: הער נאָר אַמאָל, וואָס ט־זאָגט איינער פון די יוגנט! יאָ, מיינסט טאַקע אַז איך בין צו דער וועלט גיקומען אַלס אַלטיטשקער זקן, אַלס עבר ובטלניק. די פּרויען האָבן מיר גינוג דעם קאָפּ פאַרדרייט.

אַלפרעד: אַ, אַזוי!

טאַטע: וואָס הייסט: „אַה, אַזוי״? קוקט אויס, אַ שטייגער דו וואָלסט שוין לענגסט דערפון אַרויס! פאַר מיר דאַרפסטו זיך נישט פאַרשטעלן, דאַרפסט נישט זיין קיין צבועק. איך וועל דיר נישט קאַליע-מאַכן. כ-האָב צו דיר דעם פולן צוטרוי: טאַ לאָמיר זיך אויסשמועסן ווי צוויי מאַנדזבילן. נו, אַרויס מיט לשון! ווי הייסט זי?

אַלפרעד: ווער?

טאַטע: „ווער?״ דיין מיידל! — וואָס קוקסטו מיך עפּיס אַזוי אָן? מיינסט טאַקע, איך האָב שוין נישט די גאַנצע צייט באַמערקט, אַז דיר גישעפט עפּיס וואָרן סוף-כל-סוף, איז מען דאָך אַ מענטשן-קענער!

אַלפרעד: וואָס וואָלסטו זאָגן, ווען כ-זאָל דיר דערציילן, אַז כ-וויל חתונה האָבן מיט אַ קריסטין?

*

טאַטע: אָבער, אין הימלס ווילן, נישט באַלד חתונה האָבן! דערצו איז נאָך צייט.

אַלפרעד: נו, כ־מיין נאָר אַזוי. נעם אָן, אַז כ-בין שוין אפאָר יאָר עלטער און כ-וויל חתונה האָבן דווקא מיט אַ קריסטין. טאָ וואָס וואָלסטו דערצו גיזאָגט?

טאַטע: אויב ס־וואָלט, שליסליך, גימוזט זיין, וואָלט איך גאָר נישט גיהאַט געגן דעם. נאַטירלעך, אַז זי וואָלט גימוזט זיין פון אַ שיינער פאַמיליע. ביי גימיש־טע חתונות מוז מען שטענדיק זיין פאָרזיכטיק.

אַלפרעד: טאַטע, פאַרוואָס זענען מיר אייגנטלעך, יידן?

טאַטע: אַ קאָמישע שאלה! האָבן מיר זיך דען אַליין פאַר אַזעלכע גימאַכט?

אַלפרעד: אָבער מיר וואָלטן זיך דאָך גיקאָנט לאָזן אָפּשמדן?

טאַטע: גלייב מיר, ס־העלפט גאָר נישט. העכסטנס וועלן מיר דעמלט זיין גי־שמדטע — יידן.

אַלפרעד דאָס איז אמת. מען זעט דאָס יעדן טאָג. — —'טאַטע, דו ווייסט עפּיס פון יידנטום. פון יידישקייט?

טאַטע: דעם אמת גיזאָגט, האָב איך אפילו דאָס ביסל. וואָס כ-האָב אַלס קינד גיהערט, שוין לאַנג פאַרגעסן. דיך האָב איך שוין באַצייטנס נישט גיוואָלט באַ-לאַדינין מיט דעם באַגאַזש. בין איך נישט גירעכט גיווען?

אַלפרעד: כ־ווייס נישט, — איז דאָס נישט אַ פּלא: אַ ייד צו זיין און פון יידנטום גאָר נישט צו וויסן? כ־מיין נאָר אַזוי.

טאַטע: וואָס ווילסטו דען וויסן וועגן דעם? ס־אַ־גאַנצע סדרה מיט ימים-טובים, אַ גאַנצע סדרה מיט תעניתים, אַ גאַנצע סדרה מיט גיזעצן וועגן דעם, וואָס מע מעג יאָ עסן און וועגן דעם וואָס מע טאָר נישט עסן; שפּעטער ווידער איז דאָ דער שבת, ווען מע טאָר אפילו אין גישעפט אַריין נישט גיין. ס-אַלץ אַזעלכע ענינים, מיט וועלכע מע קאָן היינט מער נישט האָבן צו טוען. לויטער גיוועזיגע זאַכן. פאַרשוואונדענע.

אַלפרעד: אויב דאָס יידנטום איז שוין פאַרשוואונדן, טאָ פאַר וואָס זענען מער בכלל דאָ יידן אָן יידנטום: וואָס איז דער זין דערפון?

טאַטע: איך גלייב גאָרנישט, אַז אַלץ מוז האָבן עפּיס אַ זין. דער גורל אַט־אַזוי, האָט אַ סך דערביי צו זאָגן. אַט איז דאָס גישעען. דאָ קען מען נישט שטענדיק פרעגן פאַרוואָס, פאַרוואָס און פאַרווען. און אַ פשיטא נישט אין דייטשלאַנד, דעם אייגנטלעכן לאַנד פון גישעענים. דער עבר איז זייער אָפט אַ סך שטאַרקער, ווי דער הווה. און סוף-כל-סוף, קען מען דאָך נישט באַ-שטרייטן דעם אמת, אַז מיר יידן זענען עפּיס אַנ־אייגנאַרטיקער מין מענטשן. פאַרוואָס רופסטו דאָס עפּיס אָן „יידן אָן יידנטום״? מיין יידנטום איז מיין באַזונדערער אופן פון רעאַגירן אויף דער וועלט. דאָס ליגט אין אופן פון דענקן. פון פילן — און, אפשר, נאָך גיכער אין אונטערבאַוואוסטזיין. אַמאָל, פריער,

האָב איך נאָך גיגלייבט, אַז איך וועל דאָס אַלץ קאָנען אויסטון, אַזוי ווי אַ קלייד. היינט אָבער ווייס איך דאָס שוין בעסער: אויב ס-איז פאַר אונדז באַשטימט, למשל, זיך צונויפצומישן מיטן דייטשטום — האָב איך גאָרנישט קעגן דעם. אַזעלכע זאַכן לאָזט מען אָבער אָמבעסטן איבער פאַר דער אַנט-וויקלונג גופא. נאָך וואָס זאָלן מיר זיך בכלל ברעכן דעם קאָפּ דערוועגן?

אַלפרעד: אָבער, אפשר, ליגט אינים זיין־אַ ייד גראָד עפּיס אַ זעלכיס — ווי זאָל איך זאָגן, ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? — ווי אַ באַשטימונג? אָדער פאָרט, לכל־הפחות, אַ באַשטימטער מעטאָד פון פירן זיך אין לעבן?

טאַטע: ע, וואָס.

אַלפרעד: כ־מיין נאָר אַזוי. ס־וואָלט דאָך זיין שיין, ווען ס-זאָל אַזעלכיס זיין בנמצא. לכל-הפחות וואָלט מען דאָס גידאַרפט אַמאָל אויפּראָוון. אַ חוץ דעם, ווייסטו באמת גאָרנישט מער פון יידנטום? און דאָס, וואָס דו האָסט מיר דאָ גיזאָגט איז שוין טאַקע אַלץ?

טאַטע: נו, הער, אַלפרעד, וואָס גישעט דאָס עפּיס מיט דיר אייגנטלעך? ביסטו קראַנק?

אַלפרעד; כ־ווייס נישט. לאָז מיך נישט אויס — אָבער כ-גלייב, אַז כ־האָב מורא פאַרן לעבן. מעגלעך, אַז דאָס איז, אפשר אויך אַ יידישע אייגנאַרטיקייט. און, אפשר, איז דאָס גאָר אָפּהענגיק פון דער צייט. די היינטיקע יוגנט וואָלט זיך גערן גילאָזט פירן, אויב זי וואָלט נאָר גיפונין אַ פירער, אַ וועג-ווייזער. אַ, טאַטע, פיר מיך דאָך!

הארכיון היהודי

טאַטע: וואו-אַ־הין?

אַלפרעד: קודם־כל צום יידנטום. אַז כ־זאָל וויסן, פון וואַנין איך קום, און כ-זאָל וויסן ווער איך בין.

טאַטע: דאָס קאָן איך נישט. וועגן דעם ווייס איך אַליין צו ווייניק. אין מיינע צייטן איז דאָס אַלץ נישט גיווען.

אַלפרעד; אַ שאָד.

טאַטע: אין מיינע צייטן האָט מע דאָס אַלץ נישט גיקומען אַזוי שווער.

אַלפרעד: — — —

טאַטע: טאַ האָלטסטו מיך מסתמא פאַר אַ זייער אויבערפלעכן, — האַ, אַלפרעד?

אַלפרעד: ס-וואָלט דאָך זיין אַזוי שיין, טאַטע, ווען כ-זאָל פון דיר קאָנען עפּיס הערן וועגן דעם גינויען מקור, וואוהין איך געהער!

טאַטע: דיין פּלאַץ, דיין אָרט איז ביי מיר!

אַלפרעד: טאַטע, זיי מיר מוחל: ווייסטו דען, וואו דיין אייגן מקום איז? — — —

טאַטע: ס-ווערט שפּעט. מע מוז זיך צואיילן.

אַלפרעד: וואוהין?...

(צווייטער פּרק קומט)

ארכיון אסופות


## דאָס יובל־העפט פון קינדער־גאָרטן

נומער 50

### איז אַנ־עשירותדיק ליטעראַריש לייען־בוך פאַר יעדן יידישן קינד!

עס איז דער חוב פון יעדער לערער צו פירן אַ גרויסע אַגיטאַציע, אַז קיין איין יידיש קינד זאָל נישט פאַרפעלן צו האָבן דאָס יובל־העפט.

אינטערעסאַנט, צוציענד, באַלערנד פאַר יעדן יידישן קינד ביז גאָר!

# די מאמע איז נפטר געווארן

## [צו דער פטירה פון דער לובלינער רביצין ע"ה]

די מאַמע פון די, פאַר וועלכע איר גרויסער מאַן איז געווען — דער טאַטע...
און זיי —
זענען היינט פאַרבליבן קיילעכדיקע יתומים...

ס'איז נאָך נישט פאַרהיילט געוואָרן די וואונד, וואָס מיר האָבן באַקומען מיט די פטירה פון איר גרויסן מאַן, דעם אומפאַרגעסלעכן הרב שפּירא זצ"ל און איצט...

[illegible] עלטער פון טכ יאָר, איז אין וואַרשא נפטר געוואָרן, די לובלינער רביצין
הרבנות טאַבאַ שפּירא ע"ה...
זיין געטרייע מיטהעלפערן,
זיין געטרייע באַגלייטערן,
ווי דער פּסוק זאָגט:
בחייהם ובמותם לא נפרדו...
זיין געטרייע באַגלייטערן —

ס'איז נישט טעם אַ פּראָזע, אַלע גוטע און איידעלע מדות פון איר גרויסן מאַן, זיין מסירת־נפש, זיין געטרייקייט און פאָטערלעכקייט פאַר זיינע תּלמידים, האָט באמת געפונען דעם „צווייטן איך" ביי איר.

ביי איר, די געטרייע מאַמע...

איר ירושה - פאַרמעגן, איר צייט און כּוח, איר גאַנצן געדאַנק און זאָרג, איר מוטערלעכקייט, צוזאַמען מיט אַלע יסורים וואָס אַזאַ איינע לעבט אַדורך, אַוועקגע־ שענקט די „קינדער" פון איר גרויסן מאַן.

איר אַליין...

זיין געטרייע מיטהעלפערן.

אין צייטן ווען ער, איר גרויסער מאַן זצ"ל האָט געוואַנדערט נע ונעד פון שטאָט צו שטאָט
און זי...
כבודה בת מלך פנימה.
האָט געטוען איר עבודה אין היים —
עקרת הבית...
אַנגעפירט פערזענלעך מיטן ישיבה־אינ־ טערנאַט, געזאָרגט פאַר זייער אָרנטלעכער הלבשה.

געזאָרגט און פאַרזאָרגט די אָרימע תּלמידים־יתומים, וואָס זי האָט אַליין דער־ צויגן, זיי חתונה געמאַכט און פיל פון זיי זענען היינט באַוואוסטע רבנישע אינ־ טעריטעטן.

אין אונדזער ב"י און בנות־באַוועגונג איז די נפטרת געווען איינע פון די אַקטיווסטע און איבערגעבנסטע עסקנות. אין די שטעט ווי איר מאַן זצ"ל איז געווען רב איז זי, די אַקטיווסטע טוערן פון די דאָרטיקע ב"י שולן און בנות־ אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועלכע זי האָט פיל פון איר טעטיקייט, אַוועקגעגעבן.

ס'איז נאָך פריש דער ווייטיק, און דער־ צו איז מיט איר פּטירה אויפגעפרישט געוואָרן די וואונד פון איר מאַנס טראַ־ געדיע. און אין אַזאַ שעה פון צער איז שווער, זייער שווער צו קאָנצענטרירן דעם רעיון אויף געבן אַ געגויע אָפּשאַ־ צונג פון איר איידלקייט און טעטיקייט, מיר וועלן דעריבער בלויז ציטירן דעם מאמר החכם:

אויב ווילסט דערקענען אַ מענטש, זע, ווער ס'איז זיין חבר...

*

נישט בחינם האָט די גאַנצע יידישע וועלט אַזוי זיך פאַראינטערעסירט מיט איר מצב.

אָנגעווענדיט אַלע מעגלעכע מיטלען זי צו ראַטעווען.

אָבער לײדער...

ער, דער טאַטע איז נסתלק געוואָרן ערב שבת,

און אַ ביסל שפּעטער —
אין שבת
ערב קבלת התורה
איז נפטר געוואָרן זי,
זי, די מאַמע...
כבוד לזכרה!

א. ח.



**הרבנית שפּירא ע"ה**
טיילט זיסיקייטן די תּלמידים פון דער גלינער ישיבה (מיט 20 יאָר צוריק)

ארכיון אסופות

(המשך פון זייט כ"ב)

פון טאָג צו טאָג, אויס גביר, איז מען אַזוי פון זיך אַליין איינער צום אַנדערן צוגעגאַנגען אין אָנהייב מיט קליינקייטן, געבעטן אַ שוועבעלע... ביז מען האָט זיך אַזוי פאַמעלעך איבערגעבעטן און מע זיצט שוין אַזוי ביז שפּעט אין דער [illegible]כט, און מע דערציילט אַראָפּ איינס פאַרן אַנדערן דאָס פעקל צרות...

עפּיס זענען אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצות: שוסטערס, שניידערס, בעל עגלהס מיט בכּבודיקע געוועזענע סוחרים זיצן אַרום די טישן נאָך די שיעורים „חברה ש"ס" „חיי אָדם" און „עין יעקב". מע זיצט און מע שמועסט אין איינעם אַריין און מע דערציילט דאָס שווערע לעבן, איינער אַן־אַרבעטסלאָזער בעקער דער־ ציילט ווי ער האָט נעכטן געקאָכט אויף מיטאָג קאַרטאָפל־שאָל, ווייל ער האָט אַפילו די פאָר גראָשן אויף קאַרטאָפל נישט געהאַט. און איינער אַ בכּבודיקער שניידער דערציילט ווי ער האָט אַוועקגעשיקט זיין בת יחידה קיין וואַרשע „דינען", אַן־איידל קינד נאָך קיין 18 יאָר נישט אַלט. וואָס זאָל ער טון, אַז ער האָט פאַרט נישט פאַר איר צו עסן און בסוד גיט מען זיך איבער וועגן דער אַלמנה מיט די 5 פיצלעך קינדער, וואָס האָט זיך בכּבודיק געשפּייזט פון איר שפּייז־ קראָם אין געצאָלט שכר־לימוד די מלמדים ווי מע וועט איר עס מאָרגן עקמי־ סירן מאָרגן אויפן גאַס רעגן, צו וועמען וועט זי זיך קערן און ווענדן? מע דערציילט זיך בסוד און מ'האָט פאַר זיך אַליין מורא: יעדער פון די זיצנ־ דיקע האָט אַן־התראה פון זיין בעל הבית פאַר דירה־געלט וואָס ער איז שול־ דיק געבליבן און האָט נישט אָפּצוגעבן... קיין הלוואות קריגט מען נישט, קיין בענק זענען שוין לאַנג נישטאָ, און מען האָט מורא פאַר זיך, פאַר די שטובן מיט די פּיצלעך קינדער וועלכע עס וואַרטן אָפּ דער זעלבער גורל.

און ווי אַ טרינקענדיקע שיף צווישן צושטורעמטע וואַסערן, האָט אַלעמען אַ בהלה אַרומגעכאַפּט, מ־האָט זיך אָנגעכאַפּט און וואָס מ'האָט געקענט אבי דאָס לעבן צו ראַטעווען מ'איז משפּחותווייז געזעסן און געחשבונט די אַלע קרובים אין נאָכגעזוכט די אַדרעסן, אפשר, אפשר וועט מען זיך דערבאַרעמען און עפּיס אַריינשיקן.

און מיט אַמאָל, אַלע טאָג מער האָבן זיך די פאַרלעך גבאים און גבאיטעס אַי־ בערן שטעטל אַרויסגעלאָזט נאָך צדקה.

און די צענטליקער, אין די הונדערטער האָט מען איינער ביים אַנדערן אָנגע־ הויבן בעטלען נישט איינער פון די ביי וועמען מען איז נאָך צדקה געקומען האָט מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים פון בושה איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— כ'האָב נישט... גאָר נישט... אַ פּרוטה אויך נישט... מע גייט היינט פאַר מיר אויך... און ווידער איז מען פון די אָרימע שטיבער אַנטלאָפן אין בית מדרש, די ווייבער—אין ווייבער שול: היינט איז יום טוב אין בית מדרש פול געפּאַקט קיין נאָדל נישט אַריינצושטעקן. אַ מגיד איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען שוין אַ סך מאָל דער מגיד אין שטעטל געווען נאָר היינט שלינגט מען זיינע ווערטער פון מויל אַרויס מ'האָט ביי אים געבעטן ער זאָל רעדן וועגן משיחן... וועגן דער גאולה... ווער דאַרף עס נאָך אַזוי האָבן ווי דאָס שטעטל.

— — — — — — — —

דער מגיד רעט און ברענגט מעשיות און משלים, הערט מען, הערן יונג און אַלט, און מע וואַרט מע וואַרט אויף אַ נס. שטעטל וואַרט...



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דער בירנבוים־אַלמאַנאַך

## דערשיינט אַלס באַזונדער בוך.

**בעת** מיר האבן דאָס ערשטע מאָל מודיע גיווען, וועגן אַרויסגעבן פון אַ זאַמל־בוך לכבוד דעם זיבציקסטן געבוירן־טאָג פון נתן בירנבוים, איז גיווען גיפּלאַנט, אַז ס־זאָל בלויז זיין אַ פאַרגרעסערטער נומער „בית־יעקב“.

אין צווישן דער צייט האבן מיר אבער כסדר באַקומען בריוו פון אַ גאַנצע ריי יידישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האבן אַרויסגיזאָגט זייער פאַרלאַנג, אַז ס־זאָל אַרויסגיין אַ ספּעציעל בוך לכבוד דעם בעל היובל און אויף דעם תנאי האבן זיי אונדז צוגישיקט זייער וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן צושטייער.

נישט וועלנדיק אָבער פאַרלירן די אַקטועלקייט פונים בירנבוים־יובל, האבן מיר דעריבער לעת־עתה אַרויסגיגעבן דאָס דאָ פאַר אייך ליגנ־דיקע בירנבוים־העפט און גלייכצייטיק גרייטן מיר צו דאָס דערשיינין פון בירנבוים־אַלמאַנאַך אַלס באַזונדער בוך.

פאַרן בירנבוים־אַלמאַנאַך איז שוין גיזאמלט אַ היבש ביסל מאַטעריאַל פון די חשובסטע יידישע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן. דער רעדאַקטאָר פונים אַלמאַנאַך ה' נטע בערלינער באַמיט זיך, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען בתכלית השלמות.

מיר זענין איבערצייגט, אַז די פריינט פון בירנבוימין וועלן אויפנעמען די ידיעה פונים דערשיינין פונים בירנבוים־אַלמאַנאַך אַלס באַזונדער בוך מיט פרייד און אָנערקענונג.

**דער פאַרלאַג.**

## בירנבוים־ידיעות

**צוזאַמען** מיטן אויסוואַנדערן פון נתן בירנבוימין קיין האלאנד איז דאָרט אויך איבערגיטראָגן גיוואָרן די צענטראַלע פון דער „עולים“-באַוועגונג. די פאַרשידינע טוערס פון „עולים“ ווי אַ שטייגער שלמה בירנבוים, שמואל אסטערזעצער, אַליעזר שינדלער וכדומה זענין אויך פאַרוואָגלט גיוואָרן פון זייער ביז־יעצטיקער היים אין פרעמדע לענ־דער און דערפון האט ממילא אויך גי־מוזט ליידן דער „עולים“־ענין אין גאָר אַ גרויסער מאָס. דאָך באַמיען זיך די דאָזיקע טוערס אין זייערע נייע וואוינ־ערטער ווייטער פאָרטצוזעצן זייער אַר־בייט.

**לאָנדאָן.** דר. שלמה בירנבוים, וואָס וואוינט נאָך דער היטלער־איבערקעריניש אין לאָנדאָן איז איינגי־לאַדן גיוואָרן דורך דער לאָנדאָנער אוני־ווערזיטעט צו האַלטן אַ ריי לעקציעס איבער דער יידישער שפּראַך און איר פילאָלאָגיע. אַגב איז עס דאַכט זיך די איינציקע יידישע קאַטעדרע פון דעם מין אין אַ נישט יידישער אוניווערזיטעט. ביי ערשטע לעקציעס זענין גיוועזן די חשובסטע יידישע פּערזענליכקייטן פון ענגלאַנד, אויף וועלכע דער חשובער לעקטאָר האט גימאַכט אַ גרויסן רושם.

**שעוועניזין.** ד"ר נתן בירנבוים אַרבייט ווייטער אומדערמידלעך אין דער רעדאַקציע פון „רוף“, וואו ער שרייבט כסדר אויך אַרטיקלען אויף פאַר־שידינע יודאַאיסטישע און אַקטועלע פּראָבלעמען. דער „רוף“ אַנטוויקלט זיך גאָר נישט קשה.

**לאָדזש.** אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון ה' י. ל. גערשט איז ווידער באַנייט גיוואָרן דערפון אים בשעתו גי־גרינדיטער עולים־ציבור אין לאָדזש. אין דעם רעאָרגאַניזירטן „עולים“־ציבור גייען אַריין באַזונדערס חברים פון דער לאָדזשער פּועלי אַגודת ישראל. אַלס יושב ראש פון לאָדזשער „עולים“־ציבור טוט ה' י. ל. גערשט אין זיינע עפנט־ליכע אין יידישע פאַרלעזונגען אַ סך צו־העלפן צו דער פאַרטיפערונג פון די „עולים“-רעיונות צווישן דער רייפערער אינטעליגענטער יידישער יוגנט. ער פּלאַנט אויך צו גרינדן אין אַנדערע שטעט אַזעלכע ציבורים.

## פון דער בנות־צענטראַלע אין לאָדזש

### בנות־לעגיטימאַציעס

**דער** צ. ס. האט פונאַנדערגישיקט צו אַלע אָפּטיילונגען בנות-לעגיטי־מאַציעס. די בנות־לעגיטימאַציעס דאַרפן אין יעדן אָרט שפּעטסטנס ביז ר"ח תמוז שוין זיין פאַרקויפט און צו 20 גר. פאַר יעדער לעגיטימאַציע דאַרף תיכף אָפּגי־שיקט ווערן. אויך דאַרף יעדע אָפּטיי־לונג אַריינשיקן אין צ. ס. אַ רשימה פון די וואָס האבן אויסגיקויפט די לעגיטי־מאַציעס. די וואָס זייערע נעמען וועלן נישט פיגורירן אין די רשימות, וועלן לחלוטין נישט אָנערקענט ווערן אַלס חברות. דערביי מאַכן מיר אויפמערקזאַם, אַז בנות-לעגיטימאַציעס האבן נאָר באַ־קומען די אָפּטיילונגען וואָס האבן גיצאָלט תרומת־חברה, די אָרגאַניזאַציעס וואָס האבן נישט גיצאָלט קיין ת"ח, ווערט מיט זיי פון ראש חודש תמוז אָן אָפּגי־שטעלט יעדע קאָרעספּאָנדענץ.

# פאַרשפּרייט די גיזאַמלטע שריפטן פון שרה שענירער

בײַ אַ גרעסערער צאָל — גיבן מיר ראַבאַט!

## באַריכט פון דער בנות־צענטראַלע

**אויפן** פאַרלאַנג פון דער אַגודה־צענטראַלע האט די בנות־צענטראַלע צוגישיקט אַ באַריכט פון איר טעטיקייט במשך די לעצטע דריי חדשים. גלייכצייטיק האט דער צ. ס. פאַרלאַנגט פון דער אַגודה אַרויסצושיקן אַ צירקולאַר אין וועלכן ס־זאָלן אויפגיפאָדערט ווערן אַלע אַגודות, צו צוהעלפן אין יעדן אָרט די בנות אָרגאַניזאַציעס אין זייער טעטיקייט.

# אויב איר פאַרשפּרייט נישט דאָס בית־יעקב־זשורנאַל — האט איר נישט גיטון אייער עלימענטאַרסטן חוב אַלס בנות־אַגודת־ישראל־אָרגאַניזאַציע!

